**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/23/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט סטעיט'ס וויכטיגע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין בלוי און געל צו אפצייכענען איין יאר פון די רוסישע אינוואזיע פון אוקראינע

***13 פון די סטעיט'ס וויכטיגע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין אוונט פון פרייטאג, פעברואר 24***

***ווייזט אן אז אוקראינער פאן זאל אויפגעהויבן ווערן העכער ניו יארק סטעיט קאפיטאל געביידע***

***גאווערנער ווידערהאלט ניו יארק סטעיט'ס שטיצע פאר דעם אוקראינישן פאלק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט'ס וויכטיגע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין בלוי און געל אום פעברואר 24 צו אפצייכענען די ערשטע יארטאג פון די רוסישע אינוואזיע פון אוקראינע. די גאווערנער האט אויך אנגעוויזן אז די אוקראינישע פאן זאל אויפגעהויבן ווערן העכער די ניו יארק סטעיט קאפיטאל געביידע אין סאלידאריטעט מיט דעם אוקראינישן פאלק.

"ניו יארק סטעיט שטייט מיט אוקראינע און איז שטאלץ צו האבן די גרעסטע אוקראינישע קאמיוניטי אין די פאראייניגטע שטאטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזערע תפילות גייען פאר די קורבנות פון די אומבארעכטיגטע קריג, און מארגן וועלן מיר אויפהייבן די אוקראנישע פאן און באלייכטן די סטעיט'ס וויכטיגע סטרוקטורן צו ארויסווייזן ניו יארק'ס שטיצע פאר אוקראינע אויף די ערשטע יארטאג פון די רוסישע אינוואזיע."

די סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן צו אפצייכענען די ערשטע יארטאג פון די רוסישע אינוואזיע פון אוקראינע רעכענען אריין:

- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל

- מויניהאן באן האל

אין אנהויב פון מערץ 2022, האט גאווערנער האקול אנאנסירט שריט צו פארשטערקערן די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס'ס (Department of Financial Services, DFS) אינפארסירונג פון סאנקציעס קעגן רוסלאנד, אריינרעכענענדיג דאס פארשנעלערטע פארשאפונג פון נאך בלאַקטשעין אנאליזירונג טעכנאלאגיע. לעצטע יאר איז די גאווערנער אויך ארויסגעקומען מיט א וועבזייטל מיט הילפס-מיטלען פאר אוקראַינער און אינפארמאציע וויאזוי ניו יארקער קענען העלפן.

מער אינפארמאציע איבער די שריט וואס סטעיט אגענטורן האבן אונטערגענומען אין סאלידאריטעט מיט דעם אוקראַינישן פאלק קענען געפונען ווערן אונטן:

**אפיס פון נייע אמעריקאנער (Office of New Americans, ONA)**

- **די ONA פארבינדט אוקראַינער אימיגראנטן מיט פראפעסיאנאלע וועגן פאר דזשאב טרענירונג און ארבעט געלעגנהייטן דורך די פראפעסיאנאלע וועגן פראגראם (Professional Pathways Program):**
  -די ONA'ס פראפעסיאנאלע וועגן פראגראם שטעלט צו פאר אימיגראנטן וועלכע האבן פעאיגקייטן די פראפעסיאנאלע טרענירונג און דזשאב קאָוטשינג צו העלפן נייע אמעריקאנער טרעפן דזשאבס אויף די שטאפל פון זייערע פעאיגקייטן און ערפארונג. לויט Upwardly Global – די ONA'ס פראפעסיאנאלע וועגן פאר פעאיגע אימיגראנטן פראגראם'ס הויפט אגענטור – האבן זיך אכט אוקראַינער מענטשן וועלכע האבן געזוכט דזשאבס זיך איינגעשריבן אין דעם פילאט פראגראם אין 2022 און האבן באקומען פראפעסיאנאלע טרענירונג און דזשאב קאָוטשינג. דריי פון די אנטיילנעמער האבן שוין יעצט פארענדיגט דעם פראגראם און האבן באקומען דזשאבס אין זייערע פעלדער — צוויי פון די מענטשן זענען באשעפטיגט געווארן אין די HR פעלד (איינער אלץ רעקרוטירער און איינער אלץ HR געהילף) און דער דריטער אין די לעגאלע פעלד אלץ לעגאלע געהילף אין צוויי שפראכן.
  -לעצע וואך האט גאווערנער האקול אנאנסירט די פארברייטערונג פון דעם פראפעסיאנאלע וועגן פראגראם צו צושטעלן א סך הכל פון 4.38 מיליאן דאלאר אין סטעיט-פינאנצירטע גרענטס פאר קאמיוניטי-באזירטע פירמעס אין לויף פון דריי יאר.

- **די ONA האטליין האט געהאלפן הונדערטע מיט פראגן איבער אוקראַינע-פארבינדענע אימיגראציע-פארבינדענע אנגעלעגנהייטן:**
  -צאל רופן ערהאלטן אויף די ONA האטליין פאר אוקראַינע-פארבינדענע פראגן: 602
  -צאל אימיגראציע-פארבינדענע סערוויס ריפערעלס געמאכט געווארן (מערקט אן: מערערע ריפערעלס קענען זיין פאר איין טעלעפאן רוף): 767
  -צאל מענטשן געגעבן געווארן אינפארמאציע: 239

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA)**

- אין נאוועמבער האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז איבער 21.4 מיליאן דאלאר זענען פארטיילט געווארן צו העלפן אוקראַינער וועלכע זענען אנטלאפן פון זייער לאנד צוליב רוסלאנד'ס מיליטערישע אינוואזיע זיך צו באזעצן צייטווייליגערהייט אין ניו יארק סטעיט. די פינאנצירונג וועט

אויסגענוצט ווערן דורך 17 פליטים סערוויסעס פּראָווײַדערס ארום די סטעיט צו העלפן אוקראַינער פליטים וועלכע וואוינען יעצט אין ניו יארק. אן געשאצטע 75,000 מענטשן זענען געקומען צו די פאראייניגטע שטאטן פון אוקראינע זינט רוסלאנד האט אנגעהויבן זייער אנגרייף, אריינרעכענענדיג אומגעפער 14,000 אין ניו יארק, דורך די פעדעראלע רעגירונג'ס 'זיך פאראייניגן פאר אוקראינע' (Uniting for Ukraine) פראגראם.
- 28,000 ניו יארקע איינוואוינער – מער פון סיי וועלכע אנדערע סטעיט – האבן וואלונטירט צו ספאנסארן א מענטש.

**<u>דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services, DFS):</u>**

צו באשיצן די נאציאנאלע זיכערהייט פון די פאראייניגטע שטאטן און פון קליענטן, האט די DFS ארויסגעגעבן אנווייזונגען אין די ערשטע 24 שעה פון רוסלאנד'ס אינוואזיע פון אוקראינע, ווידערהאלנדיג אז רעגולירטע קערפערשאפטן מוזן פולשטענדיג אויספאלגן די פאראייניגטע שטאטן'ס סאנקציעס אויף רוסלאנד, און אזוי אויך ניו יארק סטעיט און פעדעראלע געזעצן און רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג דעפארטמענט סייבער-סעקיוריטי און ווירטועלע וואלוטע רעגולאציעס. די DFS האט אויך אונטערגענומען שריט צו פארשטערקערן די דעפארטמענט'ס אינפארסירונג פון סאנקציעס קעגן רוסלאנד, אריינרעכענענדיג דאס פארשנעלערטע פארשאפונג פון נאך בלאַקטשעין אנאליזירונג טעכנאלאגיע. די מיטלען האבן פארשטערקערט די DFS'ס מעגליכקייטן צו אויפכאפן אפנקייט פון DFS-לייסענסירטע ווירטואלע וואלוטע ביזנעסער צו רוסישע אינדיווידואלן, בענק און אנדערע קערפערשאפטן וואס דיביידן אדמיניסטראציע האט געלייגט אונטער סאנקציעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418